גוט שבת און גוט יום טוב אלע אידן. עס זענען שוין פארבייגעגאנגען עטליכע יארן זייט ״נארמאן סאלזיץ״ האט געזען חסידים טאנצען אין שמחת תורה. אפילו ער האט געשטאמט פון א חסידישע משפחה אין קאלבאזאווא, פוילען, האט ער נעבאך פארלאזט זיין אידישקייט אין יוראפ אין די מלחמה יארן. אמאל אין די יאר תשכ״ה, האט נארמאן געהאט די געלעגענהייט צו גיין שמחת תורה קיין קרוין הייטס. זיין הארץ האט אים געשלעפט און ער האט טאקע מסכים געווען צו גיין מיט זיינע חברים צו זען די חסידים אין די הייליגע יום טוב פון שמחת תורה.

נארמאן מיט זיינע חברים זענען אנגעקומען צום שול פונעם באבוב׳ער רב זצ״ל. נארמאן איז אריינגעגאנגען און ער האט געזען ווי די באבוב׳ער חסידים האבן געקוקט ווי זייער רבי טאנצט מיט א קליינע ספר תורה. ער האט זיך אריינגעשטיפט צו קענען זען בעסער. מענטשן האבן אים אנגעקוקט אביסל מאדענע, ווייל ער איז געווען אנגעטון מיט מער מאדערנע קליידער. עטליכע חסידים האבן אויך געהאלטן ספרי תורה און זיי האבן געטאנצען מיט זייער רבי׳ן, אזוי ווי די מנהג איז דארט.

צווישן די הקפות האט א גבאי מיט א רויטע בארד אויסגערופן חסידים צו נעמען ספרי תורה... ״ר׳ יעקב תן כבוד לתורה, וכו׳״ דאן האט דער גבאי געטיילט די ספרי תורה צו אלעמאן.

״זאלעסקי!״ האט נארמאן געהערט דער גבאי זאגן. נארמאן האט ארומגעקוקט דעם עולם, אבער קיינער איז נישט צוגעגאנגען נעמען דעם ספר תורה. ״זאלעסקי... תן כבוד לתורה!״ האט דער גבאי אויסגערופן. אבער קיינער האט נישט אויסגעטרעטן צו נעמען דעם ספר תורה. ווען נארמאן האט זיך געדרייט צום ארון קודש צו קוקן אויפן גבאי, איז ער איבערראשט געווארן צו זען אז דער גבאי האט געוואלט איבערגעבן דעם ספר תורה צו אים!

זאלעסקי... זאלעסקי... פלוצלינג האט ער זיך דערמאנט וועגן דעם נאמען. נארמאן האט נישט געהערט דעם נאמען אין מער ווי צוואנציג יאר. דער מענטש ״טאדיאוז זאלעסקי״ האט שוין נישט געהאט קיין קיום אויפן וועלט. עס איז געווען די נאמען וואס נארמאן האט גענוצט אין די צווייטע וועלט מלחמה. דעמאלט האט נארמאן זיך פארשטעלט אלס א קאטולישער פוילישער גוי. עס איז געווען די מלחמה יארן, און נארמאן האט געדינט אין פוילישען מיליטער אלס אפיסער, און קיינער האט אים נישט חושד געווען אז ער איז א איד. אבער, פלאי פלאים, דער חסיד מיט דעם רויטען בארד האט געוואלט מכבד זיין ״טאדיאוז זאלעסקי״ מיט א הקפה!

זיין קאפ שפינענדיג זיך מיט ערשטוינונג, האט נארמאן אויסגעטרעטן צו נעמען דעם ספר תורה. זיינע חברים האבן אלעס אנגעקוקט מיט אן איבערראשונג, נישט וויסענדיג וואס די פשט איז דערפון.

מען האט אנגעהויבן צו זינגען דער געוויסע הקפה ניגון וואס איז שייך געווען צו יענע הקפה, און נארמאן האט זיך גענומען טאנצן מיט דעם רבי׳ן און די אנדערע חסידים וואס האבן געהאלטן די ספרי תורה. נארמאן האט אנגעכאפט דעם ספר תורה אזוי ווי ער האלט אהן א שטריק צו זיין פארגאנגענהייט. ער האט געטאנצט און געטאנצט נישט וועלענדיג אז די ניגון זאל זיך ענדיגען. ער האט געקוקט אויפן רבי׳ן, און ער האט געשפירט א שטארקע דביקות.

סוף כל סוף האט די הקפה זיך טאקע געענדיגט. נארמאן איז צוריקגעגאנגען צום גבאי און ער האט אים צוריקגעגעבן דעם ספר תורה. נארמאן האט געאטעמט טיפערהייט פון דעם לעבעדיגע טאנצען. ער האט געפרעגט דעם גבאי, ״פארוואס האסטו מיר געגעבן דעם ספר תורה??!? וויאזוי האסטו מיך דערקענט אלס זאלעסקי?״

״איך בין דיך שולדיגט א חוב!״ האט יענער חסיד געזאגט צו נארמאן. ״און איך בין פרייליך אז איך קען יעצט עפעס צוריקצאלן, דורך געבן יעצט דעם כבוד!״

״א חוב?... ווי קען עס זיין? איך קען דיך אפילו נישט!״ האט נארמאן געזאגט צום גבאי.

״אה, איך מיין אז דו געדענקסט יא!״ האט דער חסיד געזאגט. ״אין קראקא סוף מלחמה טעג...״ *המשך יבוא.*

פון דעם מעשה וואס מען האט געליינט ביז יעצט, זעט מען דעם כח פון אהבת ישראל, וואס איז אן ענין וואס איז שייך צו דעם יום טוב פון סוכות. סוכות ווערט אנגערופן ״זמן שמחתנו״ – די צייט פון אונזער שמחה. ״אונזער שמחה״ מיינט נישט נאר די שמחה פון ״מיר״ און ״מיין משפחה,״ נאר, ״זמן שמחתנו״ איז משמע אז מען דארף מאכן זיכער אז אלע אידן זענען בשמחה.

סוכות איז א צייט ווען עס זענען דא אסאך נסיוניות אין די מצוות בין אדם לחבירו, למשל מיט די שכנים בשעת מען בויעט די סוכה, ביים קויפן די ד׳ מינים, וכו׳. מיר האבן אויך געהאט יעצט די געלעגענהייט צו מרבה זיין אין אהבת ישראל דורך העלפן יענעם אדער בארגן טולס פאר יענעם וגו׳.

דורך ליב האבן און אכטונג געבן אויף יענעמס כבוד בפרט אין דעם הייליגען יום טוב פון סוכות, וועלן מיר אלע זוכה זיין אי״ה צו אלע השפעות טובות פון זמן שמחתנו, און צו די ווערטער וואס מען זאגט, ״הרחמן, הוא יקים לנו את סכת דוד הנופלת.״ **גוט שבת און גוט יום טוב אלע אידן.**

גוט שבת און גוט יום טוב אלע אידן. לעצטע וואך האט מען אנגעהויבן צו דערציילן דעם מורא'דיגען מעשה וועגן צוויי אידן פון די מלחמה יארן וואס האבן זיך געטראפן פארן ערשטען מאל נאך 20 יארן, ביי די הקפות אין באבוב'ער שול אין תשכ"ה.

"געדענקסטו די צוויי בחורים וואס די פאליציי האבן געהאלטן אין א גרויסן קויל קעסטעל אין א פאליציי סטאנציע? דו געדענקסט?" האט דער גבאי געזאגט צו נארמאן.

צוויי בחורים אין א קוילען קעסטל? נארמאן'ס זיכרון איז צוריקגעפליגען צו הערבסט פון תש"ה. די שרעקליכע מלחמה האט זיך ב"ה שוין געענדיגט אין יוראפ כמעט זעקס חדשים פריער, אבער די סכנה פאר די אידן איז נעבאך געבליבן. די רוסישע האבן צוביסלעך גענומען קאנטראל פונעם לאנד פוילען.

דעמאלט, איז נארמאן – "טאדיאוז זאלעסקי" געווען דער הויפט פאליצאנט פאר דעם קראקא געגענט. קיינער האט אים חושד געווען אלס איד. ער האט גערעדט פליסיגע פויליש, און ער האט אויסגעקוקט ווי א קאטולישער גוי (נעבאך.)

ווען די רוסישע מיליטער האט באפרייט פוילען סוף מלחמה, האבן די אידישע פליטים גענומען צוריקפארן צו די גרעסערע שטעט. די צאל אידן אין קראקא איז צוביסלעך געווארן מער און מער. די אידן האבן צוביסלעך ארגאנאזירט קהילות.

זאלעסקי (נארמאן) האט זיכער נישט געקענט גארנישט טון בפרהסיה צו העלפן די אידן, אבער ער האט אסאך אויפגעטון באהאלטענערהייט פאר זיינע אידישע ברידער, בפרט ווען די רעגירונג אליינס האט געטשעפעט די אידן.

רב משה שטיינבערג ז"ל איז געווען דעמאלט דעם ראש הקהל פון דעם קליינעם אידישען קהילה אין קראקא. דער רב איז געווען צווישן די געציילטע מענטשן אין קראקא וואס האבן געוואוסט די אמת וועגן זאלעסקי'ס זיין א איד.

רב משה האט איין טאג גערופן דעם פאליצאנט זאלעסקי וועגן עפעס אן עמערדזשענסי. רב משה האט דערציילט צו זאלעסקי וועגן צוויי בחורים פון א קליינעם דערפל לעבן קראקא וואס זענען ארעסטירט געווארן וועגן שווארצען גרעניצן. די פאליציי האבן זיי געכאפט אריינשמוגלען א טראק פיל מיט צוקער. די פאליציי האבן אוועקגענומען די צוקער און איינגעשפארט די צוויי בחורים. און דאס איז געווען די לעצטע נייעס וואס מען האט געהערט וועגן די בחורים. קיינער האט נעבאך נישט געוואוסט וואס איז געשען צו זיי.

מען האט נאכגעפרעגט אבער קיינער אפילו אין די רעגירונג האט גאר נישט געוואוסט. מען האט חושד געווען אז די פאליציי אליינס האבן גענומען די צוקער, און זיי האבן געטון ווער ווייסט וואס צו די בחורים. רב משה האט יעצט געפרעגט זאלעסקי. אפשר וועט ער קענען טרעפן די צוויי בחורים.

זאלעסקי איז געווען אסאך מער א חשובער מענטש ווי אלע אנדערע פאליציי אפיצערס אין דעם געגענט. אבער זאלעסקי האט געוואוסט אז אפילו ער, דעם הויפט אפיצער, וועט נישט קענען קאנטראלירן די שטאטישע פאליציי פון טון וואס זיי האבן געוואלט טון מיט די בחורים. זאלעסקי האט געפרעגט יעדען פאליציי אפיצער אין אלע מקומות ארום קראקא, אבער קיינער האט נישט געוואוסט וואס טוט זיך.

זאלעסקי האט גענומען באזוכן יעדען קליינע תפיסה אין דעם געגענט. אין יעדען פאליציי סטאנציע וואו זאלעסקי האט באזוכט, האט מען אים געוויזן אלע איינגעשפארטע מענטשן. עטליכע תפיסות זענען געווען איינגאנצען ליידיג, אנדערע זענען געווען פיל מיט פארברעכערס, וכו'.

אלעס איז געווען אין ארדנונג ביז ער האט באזוכט דעם "וואלניקא" געגענט תפיסה. זאלעסקי האט בודק געווען אלע שטובער אין דעם טורמע, אבער עס איז געבליבן איין טיר וואס איז געווען פארשפארט מיט א שלאס. "וואס איז וועגן די טיר?" האט זאלעסקי געפרעגט דעם הויפט אפיצער פון יענער תפיסה. "אה... יענע שטוב? דארט האלט מען פארשידענע זאכן, צום ביישפיל קויל, וכו'.

"איך האב שטארק געוואלט אנקוקן דעם שטוב אויך," האט זאלעסקי געזאגט. "אהא... באמת... זענען די שליסלעך פון יענער טיר פארלוירן געווארן, איך ווייס נישט אויב מען קען אפילו..." האט יענער פאליצאנט געזאגט.

"גייט צוריק אלע!" האט זאלעסקי געזאגט. אלע פאליציי לייט זענען טאקע צוריקגעגאנגען ווען זאלעסקי האט ארויסגענומען זיין ביקס. מיט איין שאס פון זאלעסקי'ס ביקס איז דער שלאס אראפגעפאלן! די טיר האט זיך געעפענט. דער שטוב האט טאקע געהאלטן קויל. אין דער שטוב האט זאלעסקי געטראפן צוויי שמוציגע אבער לעבעדיגע בחורים!

זאלעסקי האט אנגעשריגן די פאליציי דארט און ער האט געהייסן אז זיי זאלן אפוואשן די צוויי בחורים און זיי שיקן צו זיין אפיס שוין יעצט, ווייל ער האט געוואלט אליינס מברר זיין וואס דער ענין איז געווען.

ביז דעם ענדע פון יענעם טאג זענען די צוויי בחורים געשטאנען אין פראנט פון זאלעסקי אין זיין אפיס אין קראקא. די צוויי האבן נישט געוואוסט אז זאלעסקי איז א איד. און באלד דערנאך זענען זיי טאקע איבערראשט געווארן צו געוואר ווערן אז דער פוילישער ארמיי אפיצער וואס איז געשטאנען קעגן זיי איז טאקע געווען א איד, און ער איז געשיקט געווארן דורך רב משה שטיינבערג זיי צו טרעפן. די צוויי בחורים האבן עס נישט געגלייבט, אבער זאלעסקי האט זיי באפרייט אויפן פלאץ, אנווארענדיג אז זיי זאלן שוין גלייך פארלאזן קראקא און נישט צוריקקומען. די בחורים האבן מסכים געווען און זיי האבן טאקע גלייך פארלאזט קראקא. און דאס איז געווען די לעצטע מאל וואס נארמאן (זאלעסקי) האט געזען די בחורים, ביז די שמחת תורה אין קרוין הייטס, בערך 20 יאר שפעטער.

"איך בין געווען איינער פון די בחורים!" האט דעם גבאי מיט דעם רויטען בארד געזאגט. "וויאזוי האסטו מיך דערקענט?" האט נארמאן געזאגט צו אים.

"איך האב קיינמאל נישט געקענט פארגעסן דיין פנים. איך האב קיינמאל נישט אויפגעהערט צו טראכטן אלע יארן ווי דו האסט אונז געראטעוועט פון יענע קויל קעסטעל. די רגע וואס דו ביסט אריינגעקומען דא אין שול יעצט, האב איך דיך דערקענט!" האט דער חסיד געזאגט.

בשעת נארמאן'ס חברים און אנדערע חסידים האבן אנגעקוקט, האבן די צוויי אידן גערעדט וועגן די אלטע זיכרונות מיט טרערן געמישט מיט שמחה!

די חסידישע ספרים ברענגען אז די גאנצע ציל פון די ימים נוראים איז צו קומען צו זאגן "אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו." "אין עוד מלבדו" מיינט אז דער אייבערשטער פירט די וועלט. דורך ליינען אזעלכע מעשיות קענען מיר נתחזק ווערן אין אמונה פשוטה. דורך גלייבן אז אלעס קומט פונעם באשעפער וועלן מיר אלע זוכה זיין צו האבן א פרייליכן יאר, ווייל ווי מער מיר ארבעטען אויף אמונה, וועלן מיר מער זיין בשמחה אין דעם קומענדיגען יאר. גוט שבת און גוט יום טוב אלע אידן.

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוב בער בן רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362–3234

כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה